Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Ofgang afn Dnyeper

Markiš, Perec D.
מארקיש, פערעץ

Mosḳṿe, 1937

5

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8240

Visual Library

## 5

געגאַנגען מ'איז דורך ווו נאָר ס'איז פאַראַן א וועג,
געגאַנגען מ'איז דורך ווו עס איז פאַראַן א שליאַך נאָר.
אַף שטרעקעס ווײַט אַרום האָבן געוועקט
די פעסטע טריט פון גייענדיקע מאַכנעס.
אַף שטרעקעס ווײַט האָבן זיך בערג געבויגן
צום דורכגאַנג פון גרויסאַרטיקע באַוווּסטע אירע,
געשולטע לאַנד-מײַסטערס פון שלאַכט און פון געבוי,
באַרימטע טעסלערס, שטיינהעקערס און בעטאָנירער.
עס האָט אין ערגעץ זיך ניט אָפּגערוט קיין וועג,
מיט טריט האָט זיך קיין וועג אין ערגעץ ניט געזעגנט;
געגלאַנצט האָבן אַף פלייצעס אויסגעשלײַפטע העק,
געשפּיגלט אין דער זון האָבן זיך בליאַסקענדיקע זעגן.
און צו דעם שטראָם פון לײַט איז ניט געווען קיין עק,
און צו דעם איבערשטראָם איז ניט געווען קיין אויפהער,
אַף שטרעקעס ווײַט אַרום האָבן די טריט געוועקט,
אַף שטרעקעס ווײַט אין דר'הייך האָבן די טריט געטופּעט,

ווי כמארעס אָנגערוקט זיי האָבן זיך צו נאכט.
און ניט געקאָנט דער ברייטער בארגעדיקער ברעג האָט
דאָרט אלעמען באזאָרגן מיט א דאך
נ׳באזאָרגן אלעמען מיט א געלעגער.
באלייגט איז שוין געווען דער גאנצער ברעג
מיט אופגעפליגלטע געצעלטן און באראקן,
ווי גרויסע ברויטן אויסגעזעצטע אף א ברעט, —
זיי זאָלן אף דער זון א קאפ זיך נאָך דערבאקן,
נאָר ניט באוויזן אופצושטעלן האָט מען דאָך
אזויפיל פאר א טאָג — אריינעמען ס׳זאָל אלע;
געגאנ און אָנגעקומען זיינען נאָך,
עס האָבן מענגעס אף די וועגן זיך געכוואליעט.
און אומצופרידנקייט געזאָטן האָט אין קעפ,
און פון די שטארקע בערד געזאָטן האָט פאריבל.
נאָר א געפאלמעסטער געלעגן איז דער דניעפּ,
געפאסט אין זאמד אין זוניקן פון זייטן — קעגניבער.
געשטאנען זיינען זומערדיקע ברוינע טעג,
אזעלכע זוניק־אָנגעפילטע, גינגאָלדענע טשאנען.
האָט די געקומענע טרובא אפגיך דערווייל צעשטעקט
א ווו־ניט־איז — ביז וואָס, ביזוואנען,
בא זיך, בא צווייטע און בא ענלעכע — צו גאסט —
ווו נאָר מ׳האָט ניט דערווידערט און געלאָזט זיך.
און ווער עס האָט א נאכט גענעכטיקט אף דער גאס,
און ווער ס׳האָט ערגעץ־ווו זיך אויסגעמאָסטיעט,
און איינער ז׳אומגעגאנ א גאנצן טאָג,
געזוכט, גענישטערט ביז פארנאכט דאָרט;
און צו טרובאנ מיט פרייד געטאָנ ס׳האָט אים א טראָג:
— פאראנ! א ווינונג! אויסגעצייכנט! פארטיק! —

— פֿאַראַנ? — געוווּנדערט זיך טרובאַ מיט אַלע האָט. —
אַזוי, נישקאָשע פֿונ אַנ אָרט דאָרט?
— קיינ בעסערס דאַרפֿ מענ ניט. אַ פּאַלאַצ! ס'איז אַינ באָד;
אונ איצט בינ איך געקומענ, כאָווער, נאָכ אַנ אָרדער! —

טרובאַ געשטאַנענ איז אַ ווײַל געפּלעפּט,
אונ יענער האָט פֿונ אײַנפֿאַל אַזש געשוויצט אונ זיך געשמאָלצנ.
— זיך אײַנגעאָרדנט ווי די גרעפֿ,
עס קאָנ גאָר בעסער ניט געמאָלט זײַנ!
אַ גאַנצער קאָלעקטיוו
ז'פֿאַראַנ דאָרט...—

אונ ס'האָט טרובאַ אַ שלעפּ געטאָנ דעמ אָטעמ טיפֿ,
געגעבנ זיך אַ לאַכ פֿאַנאַנדער:
— איז וואָס זשע פֿעלט אײַכ נאָכ? אַ ראָגאָזשע אונ זייפֿ?
אַ בעזעמל אַרויסגעבנ זאָל דער פֿאַרטקאָמ אײַכ? —
געפּלאָנטערט זיך אַ ביסל צווישנ זיי,
ווי עמעצנ געוואָלט האָט ער דערקאָנענ:
— הומ... הומ... אַינ באָד
זיך אײַנגעאָרדנט... —
אַנטקעגנ אַלעמענ געטאָנ האָט ער אַ טראָט:
— איז הערט! איז אָנ אַנ אָרדער
פֿאַראָרדנ איכ אײַכ בלויז איינ נאַכט,
אונ ניטצעווייקט ווערנ זאָלט איר מיר דאָרטנ! —

נאַכהער האָט זיך טרובאַ צעלאַכט
אונ זוכנ ז'ער אַוועק אַליינ פֿאַר זיי אַנ אָרט דאָרט.